שלום-עליכם

הדגל

ילדים, אספר לכם מעשה בדגל. איך אני, נער בן־עניים, קיבלתי דגל לשמחת־תורה, מה קשה היה לי להשיגו ומה קל לאבד אותו. אלוהים ייסר אותי, העניק לי תחתיו עגמת־נפש...

כשהייתי ילד קטן כמוכם, קראו לי "טוּפֶלֶה טוּטוּריטוּ", זאת אומרת "קוּפֶלֶה קוּקוּרִיקוּ". אתם יודעים למה? כי, ראשית, היה לי קול דקיק וצווחני, כמו לתרנגול צעיר, שאך זה התחיל לקרוא, ושנית, לא יכולתי לבטא קו"ף וכ"ף וגימ"ל, וכמו להכעיס צריך היה להיקרא אבי קלמן, אמי — גיטל של קלמן, אני — קופל בן גיטל של קלמן, והרבי שלי — גרשן גַּרְגֶּרֶת דרדקי מְגאַלגאַנִיבְקָה.

— ילד, מה שמך?

— שמי? טוּפֶל בן דִיטל של טְלמָן...

— הרם קצת את קולך!

— טוּפל בן דיטל של טְלמָן!

— יותר חזק!

אני צועק בקול רם:

— טוּ־פל! בן ו'־טל! של טְל־מָן!

— ואצל מי אתה לומד?

— אצל מי אני לומד? אצל דֶרשון דַּרְדֶרֶת מְדאַלדאַנִיבְטָה!...

ה'עוילם'[1] צוחקים.

ה'עוילם' צוחקים, ואני בוכה.

אינני בוכה, מפני שצוחקים לי, אלא מפני שמכים אותי. כל מי ש"לבו ידבנו" מכה אותי: אבא, אמא, אחותי, הרבי, התלמידים. מלמדים אותי שאדבר "כבנאדם"...

פעם תקע לי הרבי מין יתד־עץ בין שיני, וציווה על התלמידים לירוק לי

1) עוילם — המלה העברית "עולם" בהיגוי ידי, במשמעות "קהל".

לפה, — אולי תהיה זאת התרופה... התערב ר' זַיאמָה הנגר, שגר עם הרבי שלי תחת גג אחד.

— מה אתה מענה את הילד, 'נעבעך'[2], סתם־בחינם? תנו לי אותו לרגע אחד, ותראו שאצלי ידבר "כמו בנאדם"...

כך אומר ר' זַיאמָה הנגר, קוראני אליו, תופס אותי בסנטר, ואומר לי כך:

— הבט עלי ילד, וחזור אחרי מלה במלה: "אָץ קוֹצֵץ — בן קוֹצֵץ — קְצוּצִי — לְקַצֵּץ"...

אני מביט עליו וחוזר אחריו מלה במלה: "אץ טוֹצֵץ — בן טוֹצֵץ — טְצוּצִי — לְטַצֵּץ"...

— לא כך! — אומר ר' זַיאמָה, — הבט ישר לפי, ואמור ביחד אתי: "יומם השמש לא יַכֶּכָּה וירח בלילה"... אני מביט ישר לפיו, ואומר ביחד אתו: "יומם השמש לא יַטֶטָה וירח בלילה"...

— לא, טיפשון, — אומר לי ר' זיאמָה — אל תאמר יַטֶטָה; אמור: יַכֶּכָּה! יַכֶּכָּה! יַכֶּכָּה!

— יַטֶטָה! יַטֶטָה! יַטֶטָה!...

ר' זַיאמָה מניד ידו:

— יודעים אתם לאיזו מסקנה הגעתי? טירחה לבטלה! כבר לא יעזור אפילו השד. בעל־מום לנצח!.

2) נעבעך (יידיש) — מילולית: מסכן, על־פי־רוב במשמעות: "אוי לי", "צר לי", "חבל".

די פאָהן

א.

קינדער! איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ פאָהן. ווי אַזוי איך, איין אָרעמאַנ'ס אַ יונגעל, האָב בעקומען אויף שמחת־תורה אַ פאָהן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פערלאָרען. גאָט האָט מיך געשטראָפט, איך האָב זי אויס־געקרענקט...

אַז איך בין געווען אַ קליין יונגעלע, אַזוי ווי איהר, האָט מען מיך גערופען „ט אָ פ ע ל ע ט ו ט א ר י ט ו", דאָס הייסט: „קאָפעלע קוקאריקו". ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל, ערשטענס, האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיג קול'כעל, ווי אַ יונג האָהנעכעל, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבען צו קרעהען, און, צווייטענס, האָב איך ניט געקאָנט אויסרעדען קיין „קוף" און קיין „כף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו־להכעיס האָט מיין טאַטע בעדאַרפט הייסען קלמן, מיין מאַמע — גיטעל קלמנ'ס, איך — קאָפעל גיטעל קלמנ'ס, און דער רבי — גרשון גאָרגעל דרדקי פון גאַלאַגאַניווקע.

— יונגעלע! ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאָפעל דיטעל טלמנ'ס...

— העכער אביסעל!

— טאָפעל דיטעל טלמנ'ס!...

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אויף אַ קול:

— טאָ־פעל! די־טעל! טל־מנ'ס!

— און ביי וועמען לערענסט דו?

— ביי וועמען לערען איך? ביי דרשון דאָרדעל דרדטי פון דאַלאַדאַניוווטע!...

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דער־פאַר, וואָס מע שלאָגט מיך. איטליכער, ווער עס האָט נאָר אין הארצען, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים. מע לעהרענט מיך, איך זאָל רעדען, „ווי אַ מענטש"...

דער רבי האָט מיר איינמאָל אריינגעזעצט אַ „שפּרייזהעלצעל" און האָט געהייסען די תלמידים, זיי זאָלען מיר שפייען אין מויל אריין, — טאָמער וועט דאָס זיין אַ רפואה... האָט זיך אריינגעמישט רב זיאמע דער סטאָליר, וואָס איז געזעסען מיט'ן רבי'ן אונטער איין דאַך.

— וואָס מוטשעט איהר אַ קינד נעבאַך אומזיסט־אומנישט? אָט לאָזט מיך אויף איין מינוט, וועט איהר זעהען, אַז ביי מיר וועט ער רעדען, „ווי אַ מענטש"...

אַזוי זאָגט רב זיאמע דער סטאָליר, רופט מיך צו, נעמט מיך אָן פאַר'ן בערדעלע און מאַכט צו מיר אַזוי:

— קוק אויף מיר, יונגעלע, און זאָג מיר נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אָץ קוצץ — בן קוצץ — קצוצי — לקצץ"...

איך קוק אויף איהם און זאָג איהם נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אָת טוצץ — בן טוצץ — טצוצי — לטצץ"...

— נישט אַזוי! — מאַכט רב זיאמע. — דו קוק מיר גלייך אין מויל אריין און זאָג מיט מיר אינאיינעם: „יומם השמש לא יככה וירח בלילה"...

איך קוק איהם גלייך אין מויל אריין און זאָג מיט איהם אינ־איינעם: „יומם השמש לא יטטה וירח בלילה"...

— ניין, נאַרעלע, — זאָגט צו מיר רב זיאמע — דו זאָג ניט יטטה; זאָג בעסער: יככה! יככה! יככה!

— יטטה! יטטה! יטטה!...

רב זיאמע טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד:

— ווייסט איהר, וואָס איך בין דערגאַנגען? ארויסגעוואָרפען די טרחה! איהם וועט שוין קיין טאַטער אויך ניט העלפען. איין אייביגער קאַליקע!

1

28

ב

שיהיה לי בשמחת־תורה דגל, דגל ממש, שכשמו כן הוא, עם מקל, שבראשו תפוח ובתוך התפוח נר, — דבר זה נראה אז בעיני מין אושר, מין אושר, שפחדתי אפילו להרהר בו. מעט דברים טובים יש בעולם? הנה, יש ילדים ב׳חדר׳ שברשותם כסף לקנות בו אולר, ארנק, מקל. ויש ילדים שאוכלים כל יום סוכריות, מפצחים אגוזים; על ׳בייגעלך׳ ו׳בלינצעס׳ לא מדברים כבר! ויש גם כאלה האוכלים חלה לבנה ביום חול... מזל שכזה!

אוי, ילדים! חלה לבנה ביום־חול לא אכלתי אף פעם! הייתי מרוצה כשהיה לי לחם שחור לשובע, מפני שהיינו, לא עליכם, עניים מרודים, אביונים, אף כי הכל אצלנו היו עמלים: אבא, עליו השלום, היה סגן שמש בבית התחתון של בית־הכנסת הקצבי; אמא, עליה השלום, הייתה מומחית לאפיית ״לקח״־שיפון, ואחיותי סרגו גרביים. אתם רשאים להאמין לי

בנאמנות, לא ידעתי טעמה של אכילה שתיכף ומיד אחריה אי־אפשר לאכול שוב.

שלא לדבר על כך שתהיה לי פרוטה בכיס, פרוטה שלי — זאת אפילו לא ראיתי בחלום.

ותארו לעצמכם, שאני, קופל קוקוריקו, נעשה בבת־אחת גביר, בעל סכום של מאה וארבע קופיקות[3]!

אולי אתם חושבים שאירע נס — איזה פריץ איבד ואני מצאתי? אז דווקא לא ניחשתם; או אולי סבורים אתם שאני סתם־כך סחבתי אותן־ גנבתי חלילה מקופסת־צדקה? ישמרכם אל ממחשבה שכזאת! אני נשבע לכם שהרווחתי אותן ביושר, עמלתי עליהן במו... רגלי.

היה זה בפורים, אבא שלח אותי לחלק משלוח־מנות בין הבַּלְבָּתִים של הבית התחתון של בית־הכנסת הקַצָבִי. קודם הייתה מחלקת את משלוח־המנות אחת מאחיותי הבכירות, ועכשיו, משגדלתי קצת, אמר אבא שגם אני רשאי להיות קצת לעזר. לקחתי איפוא את הצלחת עם עוגת הפירות, ונשאתיה מבית לבית, בין כל הבלבתים של הבית התחתון של בית־הכנסת הקַצָבִי, לְשתי ברגלי היחפות את הבוץ הקר־החלקלק, ומן הפרוטות שהעניקו לי בשכר־טרחתי. עשיתי רובל־כסף אחד, ועוד ארבע קופיקות.

ג

משזכיתי בבת־אחת באוצר שכזה, התהלכתי לי ושברתי ראשי, מה לעשות, בלי־עין־הרע, בסכום כסף גדול כל־כך?

באו אלי יצר־הרע ויצר־הטוב והחלו לענותני. יצר־הרע אומר:

— מה אתה מחזיק אצלך, שוטה שבעולם, את הקופיקות הללו? קְנה לך משהו: קנה עוגיות־פרג, יש מתוקות על דוכנה של פירוֹנד־יצ׳קָה; קְנה עוגות־פרי טובות עם פתיתי־דבש, או לפחות תפוח־קפוא, ותרווה עונג.

— להיכנע למעיים? — אומר אני — אז אוכל ביום אחד את כל הכסף. אינני רוצה!

— נכון! — אומר יצר־הטוב. כבר הרבה יותר נבון להלוות לאמא את כמה האגורות! זה יביא לה תועלת.

— חכם אחד! — אומר אני — שילכו לאיבוד? מאין היא תיקח להחזיר?

3) קופיקות (יחיד: קופיקה) — מטבע רוסי, חלק המאה של רובל.

ב.

האָבען אויף שמחת־תורה אַ פאָהן, טאַקי וואָס אַ פאָהן הייסט, אַ פאָהן מיט אַ שטעקעל, פון אויבען איין עפּעל, אין׳ם עפּעל אַ ליכ־טעל — דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזען אזא גליק, אזא גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט אפילו טראַכטען פון דעם. קאַרג גוטע זאַכען איז פאַרהאַן אויף דער וועלט? למאי ס׳איז פאַרהאַן אַזעלכע יונגלעך אין חדר, וואָס פערמאָגען געלד אויף צו קויפען אַ מעסערעל, אַ בייטעלע, אַ שטעקעלע? למאי ס׳איז פאַרהאַן יונגלעך אַזעלכע, וואָס עסען אַלע טאָג קאָנפעקטען, קנאַ־קען ניסלעך; פון בייגעל און פון בלינעס שמועסט מען ניט! היינט איז פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס עסען ווייסע בולקע א י ן ד ע ר ו ו אָ כ ע ן... אזא מזל!

אוי, קינדערלעך! איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָ־כען קיינמאָל נישט געגעסען! איך בין געהרען געווען, אז איך האָב געהאַט שוואַרץ־ברויט צו זאַט, מחמת מיר זענען געווען, נישט פאַר אייך געדאַכט, ביטערע אָרעמע לייט, אביונים, חאָטש אַלע האָ־בען ביי אונז געהאָרעוועט: דער טאַטע, עליו השלום, איז געווען אונטער־שמש אין׳ב אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב׳ישער קלויז, די מאַמע, עליה השלום, איז געווען אַ בריה אויף באַקען קאָ־רענעם לעקאַך, און די שוועסטער האָבען אונטערגעאַרבייט זאָקען.

איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות, איך האָב נישט געוואוסט דעם טעם, וואָס הייסט אָפּעסען אזוי, אז איך זאָל טאַקי באַלד ניט קאָנען עסען נאָך אַ מאָל.

היינט ווער שמועסט האָבען ביי זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, איין אייגענע קאָפּיקע — דאָס האָט זיך מיר אפילו ניט גע׳חלומ׳ט.

און שטעלט אייך פאָר, אז איך, קאָפּעל קוקאַריקו, ווער מיט אַ מאָל אַ גביר און בעקום מיין אייגענס צוויי־און־צוואַנציג קאָפּיקעס!

אפשר מיינט איהר אַ נס — אַ פּריץ האָט פערלאָרען און איך האָב געפונען? האָט איהר דוקא נישט געטראָפען. אָדער טאָמער רעכענט איהר, איך האָב זיי גלאַט אזוי ערגיץ דערטאַפּט, ארויס־גע׳גנב׳עט חלילה פון אַ פּושקע? גאָט זאָל אייך היטען פון אזא מחשבה! איך האָב זיי, שוועהר איך אייך, פערדיענט, כשר פער־דיענט, פערהאָרעוועט מיט מיינע אייגענע... פיס.

דאָס איז געווען פורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צעטראָגען דעם שלח־מנות צווישען די בעלי־בתים פונ׳ם אונ־טערשטען קלייזעל פון דער קצב׳ישער קלויז. פריהער פלעגט צע־טראָגען דעם שלח־מנות איינע פון מיינע עלטערע שוועסטער, און איצט, אז איך בין שוין אביסעל אונטערגעוואַקסען, האָט דער טאַ־טע געזאָגט, אז איך מעג שוין אויך זיין אַ שטיקעל הילף. האָב איך גענומען דאָס שעלעכעל מיט׳ן פלעדעל, ארומגעטראָגען דאָס פון שטוב צו שטוב צווישען אַלע בעלי־בתים פונ׳ם אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב׳ישער קלויז, געקנעטען מיט די באָרוויסע פיס די קאַלטע גליטשיגע בלאָטע, און פון די גראָשענס, וואָס מע האָט מיר געשענקט פאַר׳ן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערצינער מיט פיער גראָשענס.

ג.

בעקומען מיט אַ מאָל אזא אוצר, געה איך ארום און טראַכט, וואָס טהוט מען מיט, קיין עין־הרע, אזוי פיעל געלד?

קומען צו געהן צו מיר דער י צ ר ־ ה ר ע מיט׳ן י צ ר ־ ט ו ב און מוטשען מיך. דער יצר־הרע זאָגט:

— וואָס וועסט דו זיך האַלטען מיט די גראָשענס, נאַר איינער? קויף דיר עפּיס: קויף מאָהינדלעך, פאַרהאַן זיסע ביי פ י ר אָ נ ־ ד י ט ש ק י ׳ ן אויפ׳ן שטעלכעל; קויף פלעדלעך גוטע מיט האָניגפאַרפעל, אָדער חאָטש איין עפּעל אַ געפרוירענעם, וועסט דו זיך מחיה זיין.

— נאָכגעבען די קישקע? — זאָג איך. — וועל איך אויפעסען אין איין טאָג דאָס גאַנצע געלד. איך וויל ניט!

— גערעכט! — זאָגט דער יצר־טוב. — אַ סך גלייבער שוין פערלייהען דער מאַמען די עטליכע קאָפּיקעס! איהר וועט דאָס צונוץ קומען.

— אַ חכם! — זאָג איך. — ס׳זאָל זיין פערפאַלען? וואו וועט זי נעמען אויף אָפּצוגעבען?

— זי מוטשעט זיך נעבאַך, — זאָגט דער יצר־טוב, — און צאָהלט פאַר דיר שכר־למוד...

2

— היא מתענה 'נעבעך', — אומר יצר־הטוב, — ומשלמת בשבילך שכר־לימוד...

— מה זה נוגע לך, שכר־לימוד? — אומר יצר־הרע — מוטב שתקנה לך משרוקית מחרסינה לבנה, עם נקודות אדומות, אולר חד עם שני להבים ותושבת־פליז, או בכלל ארנק עם מנעול משובח.

— מה תחזיק בארנק? — אומר יצר־הטוב — את הדלות?

— כפתורים! — אומר יצר־הרע, — תדחוס מלוא הארנק כפתורים, ויחשבו שזה כסף, וכל הילדים יקנאו בך...

— מה ייצא לך מזה? — אומר יצר־הטוב, — שמע בקולי, חלק את הכסף בין עניים, עשה צדקה, ותזכה במצווה, העניים 'נעבעך' גוועים ברעב.

— עניים? — אומר לי יצר־הרע, — אתה עצמך בן־עניים. הנך תמיד רעב. איש איש נִתרן על חשבון זולתו. למה איש לא נתן לך כשלך לא היה כלום, לא יעלה ולא יבוא?...

ד

כמ־כמעט שנפתיתי פעם ליצר־הרע.

היה לי חבר ב'חדר' — יואליק, בנו של גביר. כיסיו היו מלאים תמיד ממתקים. אבל לכבד את זולתו — שנא; אפילו תשטתח לפניו על הארץ, גם לא פירור! פתאום התחיל 'עפעס'[4] יואליק להתחנף אלי, לחייך אלי, נעשה חבר שלי — בכל נפשו!

— אתה יודע? — אומר הוא לי — אתה ילד טוב, כשם שאני יהודי. אני אוהב אותך, מפני שאינך נוהג לפשוט־יד כמו האחרים: "תן לי חתיכה! תן לי פירור!". אינני יכול לשאת את פושטי־היד האלה!... חתיכת סוכרייה — אתה רוצה?

— חתיכת סוטרייה — אומר אני — למה לא?

— נו, — אומר הוא — ושני אגוזים לפצח?

— אדחים? — אומר אני — למה לא? אילו היו לי, הייתי מפצח.

יואליק מכניס ידו לכיסו. חשבתי שהוא מוציא כבר ונותן לי. לבסוף פונה הוא אלי, ואומר:

— אתן לך מרמלדה חצי חתיכה, ושלושה אגוזים... אם תתחלף אתי. אתה מסכים להתחלף?

— להתחלף? אומר אני — במה נתחלף?

4) עפעס (יידיש) — משהו.

— אני, אומר הוא, אתן לך את האולר שלי. הלא אתה מכיר את האולר שלי, הלבן, "זאביאלוב"[5] אמיתי!

גם כן שאלה, אם אני מכיר את אולרו של יואליק! מי לא מכיר אותו? כמה פעמים קינאתי בו בגללו! כמה פעמים ראיתי אותו בחלום!...

— נו, ואני? — אומר אני — מה אני אתן לך בעד זה?

— ואתה, אומר הוא, תיתן לי את רובל־הכסף שלך.

— קח! — אומר לי יצר־הרע, — קח, זה יופי של אולר. כל הילדים יקנאו בך... אני עומד להוציא את הכסף, אבל עוצר בי מיד.

— יהודי פיטֶח! — אומר אני, — בעד רובל אפשר לקְנות אולר חדש!

— אולר כזה? — אומר יואליק, — כשיבוא המשיח... שא! אתה יודע מה? אני מוסיף לך חצי תריסר כפתורי־עצם.

— בטֶסֶף — אומר אני — אפשר לקְנוֹת קְפוּת פי אלף יותר דְדוֹלָה.

— וואָס געהער זיך אָן מיט דיר שכר־למוד? — זאָגט דער יצר־הרע. — קויף דיר בעסער אַ פייפעלע פון ווייסע לעהם מיט רויטע פינטעלעך, אַ מעסערעל אַ שאַרפס מיט צוויי קלינגלעך און מיט אַ מעשענעם קאַסטען, אָדער גאָר אַ בייטעלע מיט אַ גוט שלעסעל.

— וואָס וועסט דו האַלטען אינ'ם בייטעלע? — זאָגט דער יצר־טוב. — דעם דלות?

— קנעפּלעך! — זאָגט דער יצר־הרע. — וועסט אָנשטופּען אַ פול בייטעלע מיט קנעפּלעך, וועט מען מיינען, אַז ס'איז געלד, וועלען דיר אַלע יונגלעך מקנא זיין...

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען פון דעם? — זאָגט דער יצר־טוב. — אָט פאָלג מיך, צעטייל נאָר דאָס געלד פאַר אָרעמע לייט, טהו צדקה, וועסט דו פּערדיענען אַ מצוה, אָרעמע לייט נעבאך געהען־אויס פון הונגער.

— אָרעמע לייט? — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע. — ביזט אַליין איין אָרעמאַנ'ס אַ יונגעל. ביזט אַליין תמיד הונגעריג. איט־ליכער איז אַ וַתרן אויף יענעם. פאַר וואָס האָט דיר קיינער ניט געגעבען, אַז ד ו האָסט ניט געהאַט, נישט היינט נעראַכט?...

ד.

שיער־שיער האָט מיך דער יצר־הרע איינמאָל ניט איבערגע־רעדט.

אין חדר האָב איך געהאַט אַ חבר — יואליק, אַ נגיד'ס אַ יונ־געל. ער פלעגט האָבען תמיד פולע קעשענים מיט גוטע זאַכען. נאָר יענעם געבען האָט ער פיינט געהאַט; מע זאָל זיך אויסציהען פאַר איהם — נישט אַ שמעק! פּלוצים האָט זיך יואליק עפּיס אָנ־געהויבען צו מיר שטאַרק צושאַרען, צושמייכלען, געוואָרען מיט מיר חבר — די נשמה!

— דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ביזט אַ וואָהל יונגעל, ווי אַ ך בין אַ איד. איך האָב דיך ליעב נאָר דערפאַר, וואָס דו האָסט פיינט בעטלען, אַזוי ווי אַנדערע: „געב מיר אַ שטיקעלע! געב מיר אַ פּיצעלע!" אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די בעטלערס!... אַ שטיקעל קאָנפעקט ווילסט דו?

— אַ שטיקעל טאָנפעט? — זאָג איך. — פאַר וואָס ניט?

— נו, — זאָגט ער — און ניסלעך אַ צוויי וואָלסט דו גע־קנאַקט?

— ניסלעך? — זאָג איך — פאַר וואָס ניט? איך זאָל האָבען, וואָלט איך דעטנאַטט.

יואליק לעגט אריין די האַנד אין קעשענע. איך מיין, אַז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבען מאַרמעלאַד אַ האַלב שטיקעל און ניס־לעך דריי... אויב דו וועסט זיך מיט מיר בייטען. וועסט זיך בייטען?

— בייטען? — זאָג איך. — מיט וואָס וועלען מיר זיך ביי־טען?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — געבען דאָס מעסערעל מיינס. דו ווייסט דאָך מיין ווייס מעסערעל? איין אמת'דיגס, אַ זאַוויאַ־לאָווס!

אַ חידוש אַביסעל, אויב איך ווייס יואליק'ס מעסערעל! ווער ווייסט ניט יואליק'ס מעסערעל? וויפיעל מאָל האָב איך איהם דערויף מקנא געווען! וויפיעל מאָל האָב איך דאָס געזעהן אין חלום!...

— נו, און איך? — זאָג איך. — וואָס זאָל א י ך דיר גע־בען דערפאַר?

— און דו — זאָגט ער — וועסט מיר געבען דיין זילבערנעם פערציגער.

— נעם! — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע. — נעם, ס'איז איין אַנטיק פון אַ מעסערעל. אַלע יונגלעך וועלען דיר מקנא זיין...

איך וויל אַרויסנעמען געלד; נאָר באַלד פערהאַפּ איך מיך.

— אַ חכם אַ איד! — זאָג איך. — פאַר אַ פערציטער טאָן מען שוין טויפען אַ ניי מעסערעל.

— אָט אַזאַ מעסערעל? — זאָגט יואליק. — פורים נאָכ'ן קאַל־טען קוגעל!... שאַ, ווייסט דו נאָר וואָס? איך געב דיר צו אַ האַלב טוץ קנעפּלעך ביינערנע.

— פאַר דעלט — זאָג איך — טאָן מען טויפען צעהנטויזענד טוץ טנעפּלעך.

(3)

— נו, — אומר הוא, — וסוכריות ואגוזים, זה לא כסף? אני מבטיח לך, כל פעם, כשתבקש, אתן לך. כשם שאני יהודי. הנה, יש לי מסמר ברזל, אתה רואה? — אני נותן לך אותו במתנה, חינם. אתה רואה, איזה מסמר?

— למה לי — אומר אני — מסמרים?

— הוא יביא לך תועלת, טיפשון. אתה יכול לתקוע אותו איפה שאתה רוצה. אתה יכול לחפור בו גומה.

— למה לי — אומר אני — לחפור דוּמוֹת?

— אתן לך — אומר הוא — להתפלל בסידור שלי, הקטן.

— למה לי — אומר אני — להתפלל בסידורי זָרים?

— אתן לך — אומר הוא — למדוד את קאסקֶט[6] השבת שלי.

— למה לי — אומר אני — למדוד טָאסטֶטים של זָרים?

— אינך רוצה? אז הא לך! — אומר יואליק, ותוקע לי מכה הגונה בצד, — מוצא־חן בעיניכם מין קבצנון? אני נותן לו דברים רבים כל־כך: אולר, כפתורים, וסוכריות ואגוזים, ומסמר, וסידור, ולמדוד כובע — ועדיין אינו רוצה! מעי של קבצן, כמה שלא דוחסים בו — זה מעט! חושב שאם יש לו רובל־כסף, אז הוא כבר מי־יודע־מה! חכה קצת, טוּפֶלֶה טוּטוּרִיטוּ, עוד תתחנן פעם אצלי ותקבל קדחת!... נחמיה! נה, אני נותן לך את המסמר במתנה!...

יואליק נותן את המסמר במתנה לנחמיה (נער עני צולע על ירכו), ומפסיק חברותו אתי.

5) זאַבְּיאַלוּב — בית חרושת נודע לאולרים.
6) קאסקט — כובע־מצחייה.

ה

והלא תשאלו: לשם מה, בכל זאת, שמרתי את הכסף? ראשית, לסעודת ל״ג בעומר. לסעודת ל״ג בעומר היו כל הילדים מביאים משהו ל׳חדר׳: זה — כסף מזומן, זה — מין מאכל, זה — דבר מתיקה. רק אני לבדי הייתי בא עם ארוחתי הקבועה — חתיכת־לחם עם שום. פני היו מסמיקות: ואף כי היו משתפים אותי בסעודה עם כל הנערים, חשתי מכל מקום כי זה משום רחמנות, והשמחה לא ערבה לי... ״עכשיו, חשבתי לי, אני מצפצף עליכם; אני ברוך השם, מין ברנש שיש לו כסף מזומן. ואם בן־עשירים כמו יואליק נותן חלקו רבע־רובל, רשאי אני לתת קוֹפֵּיקה, שהרי מה אני כנגדו: לא כלום שבכלום! אבל מהו הדין כשאני נותן חמש קוֹפֵּיקות, הלא ברור שאני יוצא ידי־חובתי! נו, אז אני נותן דווקא רבע־רובל — ודעו לכם מיהו קופל קוקוריקו!״...

ושלשלתי לקופסת ל״ג בעומר רבע־רובל, את השאר שמרתי לימים הבאים.

לאחר מכן, לעת קיץ, כשהחלו נראים ירקות ופירות טריים בגיגיותיה של פירוֹנדִיצ׳קָה, בא ופקד אותי שוב יצר־הרע.

— אתה רואה — אומר הוא — גרגרי־יער ירוקים? אתה רואה איזה דמדמניות אדומות?

— מפירות ירוקים — אומר אני — מתקהות רק השיניים.

— ברך ״שהחיינו״ — אומר לי ייצר־הטוב — ״שהחיינו״ זאת מצווה...

״שהחיינו״ — אומר אני — יהיה לי עוד זמן לברך; הקיץ עודנו גדול. תהיה עוד עונה של דובדבנים ושזיפים, של תפוחים ואגסים, של מלונים

— נו, — זאָגט ער — און קאָנפּעטען און ניסלעך איז קיין געלט ניט? איך זאָג דיר צו, אַלע מאָל, ווען דו וועסט בעטען, געב איך דיר, ווי איך בין א איד. אָט האָב איך א צוויאָק איין אייזערנעם, זעהסט דו? — שענק איך דיר אוועק דעם צוויאָק אומזיסט. דו זעהסט, וואָסער א צוויאָק?

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — צוויעטעס?

— ער וועט דיר — זאָגט ער — צונוץ קומען, נארעלע. קאָנסט איהם פארשלאָגען וואו דו ווילסט. קאָנסט מיט איהם אויסגראָבען א גריבעל.

— וואָס דארף איך — זאָג איך — דראָבען דריבלעך?

— איך וועל דיך — זאָגט ער — לאָזען דאַוונען אין מיין סידור׳על.

— וואָס דארף איך — זאָג איך — דאַוונען אין פרעמדע סידורים?

— איך וועל דיר געבען — זאָגט ער — אָנמעסטען מיין שבת׳דיג קאַשקעטעל.

— וואָס דארף איך — זאָג איך — מעסטען פרעמדע טאַש־טעטען?

— ווילסט דו ניט? נא־זשע דיר! — מאַכט יואליק און דער־לאַנגט מיר א בוכענצי אין זייט אריין. — געפעלט אייך אביסעל א קבצנ׳יוק? איך געב איהם אזוי פיעל זאַכען: א מעסערעל, און קנעפּלעך, און קאָנפעקטען, און ניסלעך, און א צוויאָק, און א סידור׳על, און א היטעלע אָנמעסטען — וויל ער נאָך ניט! א קבצנ׳ישע קישקע — וויפיעל מע לעגט אין איהר ניט אריין, איז ווינציג! ער מיינט, אז ער האָט א זילבערנעם פערציגער, איז ער שוין א גאַנצער יאָ־טובי־דאָם! וואַרט אויס, טאָפּעלע טוטאַריטו, וועסט אמאָל אָנקומען צו מיר, וועט דיר אויספאַלען באָקאָם!... נחמיה! נא, איך שענק דיר אוועק דעם צוויאָק!...

יואליק שענקט־אוועק דעם צוויאָק נחמיה׳ן (איין אָרעם יונגעל, וואָס הינקט אויף א פיסעל), און מיט מיר ווערד ער אויס חבר.

ה.

וועט איהר דאָך פרעגען: אויף וואָס פאָרט האָב איך געהאַלטען דאָס געלד?

ערשטענס, אויף ל״ג־בעומר צו דער סעודה. ל״ג־בעומר צו דער סעודה פלעגען אַלע קינדער ברענגען עפּיס אין חדר אריין: ווער מזומן געלד, ווער איין עסענוואַרג, און ווער א נאַשעריי. נאָר איך איינער פלעג קומען מיט מיין שטענדיג אָנבייסען — א שטיקעל ברויט מיט קנאָבעל. עס פלעגט מיר פלאַמען דאָס פנים; און חאָטש אין קאָהן האָט מען מיך אריינגענומען גלייך מיט אַלע יונג־לעך, נאָר געפיהלט האָב איך, אז ס׳איז מ צ ד ר ח מ נ ו ת — און ס׳איז מיר ניט איינגעגאַנגען די שמחה... „אצינד, האָב איך מיר געטראַכט, הער איך אייך אַלע מיט׳ן קאָטער; איך בין, ברוך־השם, אזא פארשוין, וואָס איך געה מיט מזומנים. ווי באַלד אזא נגיד׳ס א יונגעל, ווי יואליק, גיט צושטייער א פערטעלע, מעג איך געבען א קאָפּיקע, ווארום וואָס בין איך אקעגען איהם? א גאָרנישט! ווי איז אָבער דער דין, אז איך געב א פיטאַקעל, בין איך יוצא? נו, געב איך טאַקי א גריווינקע — און ווייסט ווער איז קאָפּעל קו־קאַריקו!“...

און איך האָב אריינגעבראָקט אין דער קאַראָבקע אויף ל״ג־בעומר צעהן קאָפּיקעס, דאָס איבעריגע געלאָזט אויף שפּעטער.

שפּעטער, זומער־לעבען, ס׳איז אויפגעקומען גרינוואַרג, עס האָ־בען זיך בעוויזען פרישע אויבסטען ביי פּיראָנדיטשקי׳ן אין די מול־טערלעך, איז געקומען ווידער א מאָל דער יצר־הרע.

— זעהסט — זאָגט ער — גרינע אגרעסען? זעהסט, וואָסערע רויטע ווייכּפערלעך?

— פון גרינע פירות — זאָג איך — ווערען נאָר הייליג די צייהן.

— מאַך „שהחיינו“, — זאָגט צו מיר דער יצר־טוב — שהחיינו איז א מצוה...

— שהחיינו — זאָג איך — וועל איך נאָך צייט האָבען צו מאַכען; דער זומער איז נאָך גרויס. עס וועט נאָך געהן א סדרה פון ווײַנשעל און פון פלאָמען, פון עפּעל און פון באַרען, פון דיניעס

און פון קאווענעס... איך וועל בעסער איבערלאָזן דאָס געלד, אם ירצה השם, אויף סוכות — זיך קויפען א פאָהן.

און ס'איז געבליבען, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלד, אם ירצה השם, אויף סוכות — זיך קויפען א פאָהן.

ו.

גאָט האָט געהאָלפען, דער סוכות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט א פאָהן, א גרויסע, א געלע, א „צווייזייטענדיגע".

פון איין זייט זענען געווען אויסגעמאָהלט צוויי חיות, וואָס האָבען געהאַט א פנים פון קעץ, נאָר באמת זענען זיי געווען לייבען, מיט אָפענע מיילער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זענען געווען ארויפגעטהאָן פייפלעך, אפנים, שופרות, מחמת ס'איז געשטאַנען אָנגעצייכענט מיט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופר.

אונטען, אונטער די לייבען, איז געשטאַנען אויפגעשריבען פון דער רעכטער האַנד: דגל מחנה יהודה. פון דער לינקער האַנד: דגל מחנה אפרים.

דאָס האָט איהר ערשט איין זייט פאָהן. אויף דער אַנדערער זייט איז געווען נאָך שענער. דאָרט זענען געשטאַנען אויסגעמאָהלט די פאָרטרעטען פון משה מיט אהרנ'ען, פינקטליך, ווי לעבעדיגע. משה מיט א גרויסען דאַשעק אויפ'ן שטערן, און אהרן מיט א גאָלדענער רייף אויף דער געלער פאַטלע. אין מיטען, צווישען משה מיט אהרנ'ען, — א גאַנצע האַליאַסטרע אידעלעך, געפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע, מיט תורה'לעך אין די הענד. אַלע האָבען זיי איין פנים, גלייך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט: אַלע מיט לאַנגע אַלץ איינע קאַפּאָטקעלעך, אַלע מיט שיך און זעקלעך און אַלע מיט גאַרטעלעך, אביסעל נידעריגער פון דער דיך... די אידעלעך הויבען פיס און זינגען: שישו ושמחו בשמחת תורה.

בעקומען א פאָהן, בעדאַרף מען קריגען א שטעקעל צו דער פאָהן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאַמע דעם סטאָליר, טאַקי דער אייגענער רב זיאַמע, וואָס האָט אַמאָל זיך אונטערגענומען מיך אויסלעהרנען רעדען, „ווי א מענטש".

— וואָס ווילסט דו עפּיס זאָגען, טאַפּעלע טוטאַריטו?

— א שטעקעל צו דער פאָהן...

— וואָס הייסט — זאָגט ער — א שטעטעל?

— א שטעטעל — זאָג איך — פון א שטיטעל האָלץ, מע זאָל קאָנען טראָגען די פאָהן.

רב זיאַמע טרייבט מיט מיר אזוי לאַנג קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין מיך. דעמאָלט ווערד ער ווייך, וואַרפט־אַוועק אַלע ארבייט, נעמט א שטיקעל האָלץ, א שניץ אהער, א שניץ אהין — פאַרטיג.

אצינד פעהלט מיר נאָר איין עפּעל מיט א ליכטעל, געוויינטליך, פון וואַכס, ניט פון חלב, וואָרום חלב, אז וועט ארויפקאַפּען אויפ'ן עפּעל, איז פערפאַלען דער עפּעל, מע וועט איהם נאָכדעם ניט קאָנען עסען... אָבער וואַכס מאַכט ניט אויס, וואַכס איז כשר.

נו, און וואַכס איז דאָך ביי מיר פאַרהאַן מעהר ווי ביי אַלע יונגלעך. אדרבה, א יונגעל, אז ער בעדאַרף א שטיקעל וואַכס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרום מיין טאַטע איז דאָך אונטער־שמש אין אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב'ישער קלויז, און וואָס עס בלייבט נאָך יום־כפּור פון די ליכט געהער צו איהם — דאָס איז זיין הכנסה. ער שמעלצט דערפון „שמשים" צו די חנוכה־ליכטלעך, הבדלות און סטאַטשיקעס. און וואָס עס פאַלט־אראָפּ פון די הבדלות מיט די סטאַטשיקעס געהער צו מיר — דאָס איז מיין הכנסה.

הקיצור, איך האָב אַלסדינג, וואָס מע בעדאַרף!

ז.

אריינגעזעצט די פאָהן אינ'ם שטעקעל, אויפגעפּאַסט אויפ'ן שפּיץ א רויטען עפּעל און אָנגעצונדען פון אויבען דאָס וואַכסענע ליכטעל, לאָז איך מיך שמיני־עצרת אויף דער נאַכט אין שוהל אריין, צו די הקפות, לעבעדיג־פריילּיך, ווי א גליקליכער פרינץ, ווי א בן־מלך, וואָס קיינער איז צו איהם ניט גלייך.

ואבטיחים... מוטב שאשמור לי את הכסף לסוכות, ואקנה לי, אם ירצה השם, דגל.

והחלטתי שאשמור את הכסף, אם ירצה השם, עד סוכות — ואקנה לי דגל.

ו

בעזרת השם, הגיע חג הסוכות, ואני קניתי לי דגל, גדול, צהוב, מעוטר משני צדדיו.

בצד האחד צוירו שתי חיות, שהיה להם פרצוף של חתולים, אבל באמת היו אלה אריות, פעורי־פה וארוכי־לשון. בלשונותיהם נאחזו מין חלילים, כנראה שופרות, משום שהיה כתוב באותיות גדולות: **בחצוצרות וקול שופר.** מתחת לאריות היה כתוב: **דגל מחנה יהודה מימין, ודגל מחנה אפרים משמאל.**

הרי לכם מראה־הדגל מצידו האחד. צידו השני היה צוד יותר יפה. שם היו מצויירים הדיוקנאות של משה ואהרון, בדיוק נמרץ, ממש כחיים. משה בכובע גדול־מצחה לראשו, ואהרון בחישוק־זהב על בלוריתו הצהובה. באמצע, בין משה ואהרון — חבורה שלמה של יהודים, דחוקים זה על גבי זה, עם ספרי־תורה בידיהם, לכולם אותן הפנים, ממש כאילו אם אחת ילדה אותם: כולם באותן קפוטות ארוכות, כולם גרביים ונעליים לרגליהם, וכולם חגורי־אבנטים, קצת למטה מירכם... היהודים מרימים רגליהם ושרים: **שישו ושמחו בשמחת־תורה.**

קיבלתי את הדגל, צריך להשיג מקל לדגל. פה מוכרחים כבר לפנות לר' זיאַמָה הנגר, אותו ר' זיאמה שקיבל על עצמו פעם ללמדני לדבר "כמו בנאדם".

— מה רצונך לומר, טוּפֶּלֶה טוּטוּרִיטוּ?

— מַקֵל לְדֶגֶל...

— מה פירוש — אומר הוא — מַטֵל?

— מַטֵל... אומר אני — להחֲזִיק את הדֶגֶל.

ר' זיאַמָה מוסיף להתל בי כדי כך, עד שאני פורץ בבכי. אז מתרכך הוא. מניח את כל מלאכתו, לוקח חתיכת־עץ, מקציע פה, מקציע שם — מוכן.

עכשיו חסר לי רק תפוח ונר, נר־שעווה כמובן, לא של חֵלֶב, כי חֵלֶב, כשהוא נוטף על התפוח, אז אבוד התפוח, פסול לאכילה... אבל שעווה לא אכפת, שעווה היא כשרה.

נו, ושעווה הלא יש לי יותר מאשר לכל הילדים. אדרבה, ילד, שצריך חתיכת־שעווה, אל מי הוא בא? אלי! מפני שאבא שלי הלא סגן־השמש בביה התחתון של בית־הכנסת הקַצָבִי, אז מה שנשאר מן הנרות אחרי יום־כיפור שייך לו — זאת הכנסתו. הוא מתיך ועושה מזה "שַמָשים" לנרות־חנוכה ונרות־הבדלה וסתם נרות. והשאריות, הנופלות מן ההבדלות והבְּדָלים, שייכוה לי — זאת ההכנסה שלי. הקיצור, יש לי כל מה שדרוש!

ז

משחיברתי את הדגל למקל, קבעתי בראשו תפוח אדום, והדלקתי עליו אה נר השעווה, — יצאתי והלכתי בשמיני עצרת לפנות־ערב אל בית־הכנסת להקפות, צוהל ועליז, כנסיך מאושר, כבן־מלך, שאיש לא ישווה לו.

אני רואה בדמיוני שאני כבר בבית־הכנסת למעלה, על הספסל שבכותל־המזרח, עם כל בני הבַּלֳבָּתים. הנרות דולקים, הדגל שלי יפה מכל הדגלים התפוח שלי אדום מכל התפוחים. הנר שלי גדול מכל הנֵרות, החום והדוחק

בבית־הכנסת — ממש סכנת־נפשות. נשים ונערות הרבה באו לנשק את ספרי־התורה. הנה הולך בראש ר׳ מלך החזן, בטליתו הנשרכת, כמצביא העליון. אחריו — הבַּלֳבָּתים. ר׳ מלך מסלסל ושר בקולו הפַּחי: ״ער־זר ד־לִים, הושיעה נא!״. הנשים עם הנערות מקפצות מול פניהם, נושקות את ספרי־התורה וצועקות בקול צווחני: כן תזכו לשנה הבאה! כן תזכו לשנה הבאה!״ — ״גם אתם! גם אתם!״.

אך עד שמגיעים אל הבית התחתון של בית־הכנסת הקַצָבי, ששם אני מתפלל, מוכרחים לעבור כמה בתי־כנסת ובתי־מדרש: בית־הכנסת הקר, בית־הכנסת הליטאי, בית־הכנסת החייטי, בית־המדרש הגדול, בית־המדרש הקטן, בית־המדרש הישן, ה״קלויז״[7] הראשון, ״קלויז־החסידים״, ״קלויז המתנגדים״, ה״קלויז החדש״, ה״קלויז הצהוב״ — עד שמגיעים לבית־הכנסת הקַצָבי, ומשם כבר יורדים אל הבית התחתון.

כל בתי־הכנסת הללו ובתי־המדרש, שמניתי לכם כאן, אינם מפוזרים, חלילה, זה ב״לִיסִי״ וזה ב״סְטְרִיסִי״, כמו שאצלכם ביהופץ. אצלנו בכתריליבקה, תענוג. אצלנו נמצאים כולם ברחוב אחד, על כברת־קרקע אחת קטנה, כמעט בחצר אחת, — הנקראת ״שולהויף״, כלומר חצר בית־הכנסת.

חצר בית־הכנסת שלנו היא כמעט בית־כנסת אחד. בקיץ, כשהחלונות פתוחים, ואתה עובר שם בשעת־תפילה, אינך יודע מה עליך לעשות תחילה: אם לעמוד ולקפץ ב״קדושה״, אם לכוף־גו ב״בָּרְכוּ״, אם לענות ״אמן יהא שְמֵיה רבא״. בשעה שמצד אחד בוקע קול מזמר ״אז ישיר משה״, צועק מישהו מן הצד ״א־ח־ד!״ ופתאום פורץ לו אחד בניגון הגמרא: ״מכלל שהוא צריך לִפְרָט וּמְפָּרָט שהוא צריך לכלל״. קוטע אותו אחֵר בניגון: ״יתגדל ויתקדש שמיה רבא״, בא לו שלישי ומשמיע בכלל בטון אחר: ״הללויה! הללויה!״...

חצר בתי־הכנסת שלנו, שתי פנים לה: אחרת היא ביום־חול, ואחרת היא בשבת ויום־טוב. בימות־החול היא שוק לספרים יהודיים, טליתות, ציציות ומזוזות, תפוחים רקובים, אגסי־בר, זרעוני חמניות ושעועית, עוגיות־פרג, ׳בֵּייגלך׳, ו׳לֶקַח׳ סוכר. העזים משתטחות כאן כבכֶרם אביהן, ומעלות גירה, מנענעות בשעת־מעשה בזקנקניהן. אולם משבא שבת או יום־טוב — חסל שוק, אין מסחר, חסל עזים. יהודים, שיהיו בריאים, מתכנסים חבורות חבורות, מדברים ומלהגים, מספרים את כל חדשות־השבוע, וכל חדשות־השנה והעולם. גם ילדים, נערי ה׳חדר׳, כאן. תלמידי כל ה׳חדרים׳ רצים מקפצים, משוטטים

7) קלויז (יידיש) — כינוי לבית־מדרש קטן.

לכאן ולכאן, כדגים במים; אלוהים העניק להם מתנה — הם חופשיים היום! בודקים זה לזה את הקפוטות החדשות שלהם, של מי ארוכה יותר. את הקאסקֶטים החגיגיים, ראשו של מי גדול יותר, ומודדים באצבעותיהם, פיאתו של מי קצרה יותר. ואגב־כך חוטפים, כרגיל, זה סטירה, זה מכה, זה בעיטה — שמח.

אבל שמח מכל — בסוכות, בשמיני עצרת, בערב, לפני ההקפות, בשעה שכל הילדים מכל ה׳חדרים׳ מתכנסים כאן עם הדגלים. פה מתגודדים כיתות כיתות, ילדים גדולים לחוד, וקטנים לחוד. פה בודקים זה לזה את הדגלים. מקלו של מי ארוך יותר, תפוחו של מי אדום יותר, נרו של מי מחלב ושל מי משעווה. אגב־כך עפים לא מעט חידודים, חוכמות, צחוקים. זה עושה תעלול לזה: מכבה לו את הנר, או מתגנב ונוגס מתפוחו, חוטף הוא באבי־אביו בתוספת סטירה לקינוח — עד שמתפזרים והולכים איש־איש לבית־הכנסת שלו.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שוהל אויבען, אויף דער מזרח־באַנק, מיט אַלע בעלי־בתי׳שע קינדער. די ליכט ברענען. מיין פאָהן איז שענער פון אַלע פאָהנען. מיין עפּעל איז רויטער פון אַלע עפּעל. מיין ליכטעל איז גרעסער פון אַלע ליכטלעך. אין שוהל איז איין ענגשאַפט, אַ היץ מיט סכנת־נפשות. ווייבלעך און מיידלעך אַ סך זענען געקומען קושען די תורה. אָט נעהט רב מלך דער חזן מיט׳ן צעלאָזטען טלית אויף צופריהער, ווי אַ געניעראַל־פעלדמאַרשאַל. נאָך איהם — די בעלי־בתים. רב מלך ציהעלט זיך און זינגט אויף זיין בלעכענער שטימע: „ע ו ־ ז ר ד ־ ־ ־ ל י ם, ה ו ש י ע ה נ א !" די ווייבלעך מיט די מיידלעך שפּרינגען אין פּנים אריין, קושען די תורות און שרייען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָהר! דערלעבט איבער אַ יאָהר!"— „גם אתם! גם אתם!"

נאָר איידער מע קומט־צו צום אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב׳ישער קלויז, דאָרט וואו איך דאַווען, מוז מען דורכגעהן פאַר־ביי עטליכע שוהלען און בתי־מדרשים: די קאַלטע שוהל, די ליט־ווישע שוהל, דאָס שניידערישע שוהלכען, דאָס גרויסע בית־מדרש, דאָס קליינע בית־מדרש, דאָס אַלטע בית־מדרש, די ערשטע קלויז, די חסיד׳ישע קלויז, די מתנגד׳ישע קלויז, די נייע קלויז, דאָס געלע קלייזעל — ביז מע קומט צו דער קצב׳ישער קלויז, און פון דאָרטען שוין לאָזט מען זיך אַראָפּ אין אונטערשטען קלייזעל.

אָט־אָ־די אַלע שוהלען און בתי־מדרשים, וואָס איך האָב אייך דאָ אויסגערעכענט, זענען חלילה נישט צעוואָרפען דער אין ליסי, יענער אין סטריסי, ווי ביי אייך אין יעהופעץ. ביי אונז, אין כתריי־לעווקע, איז אַ חיות. ביי אונז געפינען זיי זיך אַלע אויף איין גאַס, אויף איין שטיקעל ערד, כמעט אין איין הויף, — און דאָס ווערד אָנגערופען דער „שוהלהויף".

אונזער שוהלהויף איז אינגאַנצען כמעט איין שוהל. זומער, אַז די פענסטער זענען אָפען, און איהר געהט פאַרביי בשעת מע דאַ־ווענט, ווייסט איהר ניט וואָס איהר זאָלט טהון: צי איהר זאָלט בלייבען שטעהן און שפּרינגען קדושה, צי איהר זאָלט זיך אָנבויגען חאַפּען אַ ברכו, צי איהר זאָלט ענטפערען „אָמן יהא שמיה רבא". בשעת פון איין זייט הערט זיך אַ געזאַנג „אָז ישיר משה", שרייט עמיצער פון דער זייט: „א ־ ח ־ ־ ־ ד!" פאַלט איינער אריין פּלוצים מיט אַ ניגון פון דער גמרא: „מכלל שהוא צריך לפרט ומפרט שהוא צריך לכלל". שלאָגט איהם איבער נאָך איינער מיט אַ ניגון: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא". קומט צו געהן אַ דריטער און לאָזט־אויס גאָר מיט איין אַנדער טאָן: „הללויה! הללויה!"...

אונזער שוהלהויף האָט צוויי געשטאַלטען: אין דער וואָכען איז ער אַנדערש, שבת און יום־טוב — ווידער אַנדערש. אין דער וואָכען איז ער אַ מאַרק פון אידישע ספרים, טליתים, ציצית און מזוזות, פוילע עפּעל, קברות־באַרלעך, סעמעטשקעס און בעבלעך, מאָהינדלעך, בייגעלעך און צוקערלעקאַך. ציגען צעלעגען זיך, ווי ביי׳ם טאַטען אין וויינגאָרטען, און זענען מעלה־גרה, שאָקלען בשעת מעשה מיט די בערדלעך. קומט אָבער שבת און יום־טוב — אויס מאַרק, אויס מסחר, אויס ציגען. אידען, זאָלען געזונד זיין, קלויי־בען זיך צענויף רעדלעך־ווייז, מע רעדט און מע גראַגערט. מע דערצעהלט נייעס פון דער גאַנצער וואָך, פונ׳ם גאַנצען יאָהר און פון דער גאַנצער וועלט. אויך קינדער, חדר־יונגלעך, זענען דאָ. חדר־יונגלעך פון אַלע חדרים לויפען, שפּרינגען, שוועבען אַהין און אַהער, ווי די פיש אין וואַסער; גאָט האָט זיי געשענקט אַ מתנה — זיי זענען פריי! מע בעטראַכט זיך איינס אויף דאָס אַנדערע די נייע קאַפּאָטקעלעך, וועמענ׳ס איז לענגער, די יום־טוב׳דיגע קאַש־קעטלעך, וועמענ׳ס קאָפּ איז גרעסער, און מע מעסט אויף פינגער, וועמענ׳ס פאה איז קירצער. דערביי חאַפּט מען, געוויינטליך, ווער אַ פליק און ווער אַ שטורך און ווער אַ קלאַפּ — ס׳איז פריילִיך.

נאָר פרייליכער ווי אַלע מאָל איז סוכות, שמיני־עצרת אויף דער נאַכט, פאַר די הקפות, בשעת אַלע יונגלעך פון אַלע חדרים קומען זיך צענויף אַהער מיט די פאָהנען. דאָ מושטירעוועט מען זיך אויס אויף כתות, גרויסע יונגלעך בעזונדער און קליינע יונגלעך בעזונדער. דאָ בעטראַכט מען איינס ביי׳ם אַנדערען די פאָהנען, וועמענ׳ס שטעקעל איז גרעסער, וועמענ׳ס עפּעל איז רויטער, ווע־מענ׳ס ליכטעל איז פון חלב און וועמענ׳ס — פון וואַקס. דערביי פאַלען געניוג ווערטלעך, חכמות און געלעכטערען. איינער טהוט־אָפּ דעם אַנדערען אַ שפּיצעל: ער פערלעשט איהם דאָס ליכטעל, אָדער ער פער׳גנב׳עט זיך און בייסט איהם אָפּ דעם עפּעל, בעקומט ער אין טאַטענ׳ס טאַטען מיט אַ פּאַטש אויף פערבייסען — ביז מע צעגעהט זיך איטליכער אין זיין שוהל אריין.

ח

— מזל טוב! טוּפֶלָה טוּטוּריטוּ יש לו דגל! שלום ליהודי צנוע ועניו שחטף כוויה במחצית פניו...

ב"ברוך הבא" רחב שכזה פגשו אותי חברָ'ה קונדסים, כשהגעתי לחצר בתי־הכנסת עם הדגל שלי. אני סוקר את כל הדגלים ומשווה אותם לשלי — מי? מה? איפה? לא מגיעים לקרסולֵי הדגל שלי!

ראשית, הדגל עצמו. אין איש שדגלו קבוע למקל כל־כך ישר, שניתן לראות את שני צדדיו. לאיש אין מקל ישר, עגול ומהוקצע כל־כך, לאיש אין תפוח אדום וחלק כל־כך. לאיש אין נר יפה וטוב כל־כך, שהרי למי עוד כמוני יש כמות כזאת של שעוה? מי עוד כמוני חטף סטירות ומכות בשעה שתפס אותי אבא, בפרוזדור בית־הכנסת, תחת הספסל, אוסף שאריות־שעווה של נרות יום־כיפור המותכים?... אני עורך השוואה בין הדגל שלי לבין כל שאר הדגלים — ולבי מתמלא גאווה. נדמה לי שאני גדל וגדל, עולה וצומח, מגביה והולך, לאורך ולרוחב, רגלי נושאות אותי באוויר. מתחשק לי לצחוק, לצעוק, לצרוח, לצאת בריקוד...

— אַ־נו, הראה־נא! — פונה ואומר אלי יואליק בן־הגביר, ונשאר עומד פעור־פה.

הוא סוקר את דגלי. אני סוקר את דגלו. "גם כן דגל! — חושב אני לי, — גם כן מקל! עקום, ממש כמו סימן שאלה!" אני רואה שהוא רותח. אבל אני מעמיד פנים כמי שאינו יודע, ומביט הצידה.

— קופל! — אומר הוא לי — איפה לקחת מקל יפה כל־כך?

— הא? — אומר אני ומפנה אליו את פני.

— איפה מצאת — אומר הוא שוב — מקל הדור כל־כך?

— מה יש? — אומר אני לו — אולי אתה רוצה להחליף במסמר שלך?...

יואליק מבין את העקיצה. הוא מבזיק בעיניו, רוטן בחוטמו, טומן ידו בכיס, ומסתלק. אני מביט אחריו ומתמוגג מנחת, נחת־בריאות מתוסף לי. אני רואה שהוא קורא הצידה את נחמיה הצולע, ומסתחד אתו, ורומז לו עלי בעיניו. אני רואה זאת היטב, אבל עושה עצמי כלא יודע. כעבור רגע ניגש אלי נחמיה הצולע, מחזיק בידו את דגלו של יואליק, עם המקל העקום, ואומר לי:

— תן לי להדליק את הנר; שלי כבה.

— זה הדגל שלך? — אומר אני לו ומטה אליו את דגלי עם הנר, — הלא אני יודע של מי הדגל...

ולפני שאני מספיק להביט סביבי, מגיש נחמיה את נרו הבוער לדגל שלי ועושה "בּוֹרא מְאוֹרֵי האש" — מדליק אותו. הדגל שלי מתלקח ובוער כולו. פ־פ־פוּ — חסל דגל!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אילו נפלה מן השמים אבן על ראשי, אילו חיה רעה התנפלה עלי לטרוף אותי, או אילו היה בא לקראתי בחצות־לילה מת בתכריכים לבנים, המבקש לחנוק אותי — לא היה פחדי כה נורא, כבשעה שראיתי את מקלי הערום עם הדגל השרוף. זעקה פרצה מלבי:

— אוי וי, הדֶגֶל שלי! הדֶגֶל שלי!

פלגי דמעות זרמו מעיני. כל העולם חשך בעדי. המקל עם התפוח והנר נפלו מידי, ואני פניתי ללכת, בעצמי אינני יודע לאן. אני הולך ומתייפח

ח.

— מזל־טוב! טאפעלע טוטאריטו האט א פאהן! **שלום עליכם, א גוטער איד, א האלבען פנים אפגעבריהט...**

מיט אזא ברייטען ברוך־הבא האבען מיך חברה קונדייסים בעגעגענט, אז איך בין געקומען אויפ'ן שוהל־הויף מיט מיין פאהן.

איך בעטראכט אלע פאהנע; און ווארף א קוק אויף מיין פאהן — ווער? וואס? ווענען? ווי קומען זייערע פאהנען צו מיין פאהן?

ערשטענס, די פאהן אליין. ביי קיינעם שטעהט זי ניט אזוי גלייך אריינגעזעצט אין שטעקעל, אז מע זאל ארויסזעהןביידע זייטען. ביי קיינעם איז ניטא אזא גלייך, קיילעכיג, געטאקט שטעקעל. ביי קיינעם איז ניטא אזא רויטער גלאטער עפעל. ביי קיינעם איז ניטא אזא שען געראטען ליכטעל. **ווארום ווער פערמאגט אזוי פיעל וואכס, ווי איך? ווער האט געחאפט אזוי פיעל פעטש מיט סטוסאקעס, ווי איך, בשעת דער טאטע האט מיך געחאפט אין פאלעש אונטער דער באנק קלויבען די שטיקלעך וואכס פון די צעשמאלצענע יום־כפור'דיגע שטיקלעך ליכט?... איך מאך א פערגלייך צווישען מיין פאהן און צווישען די אלע איבעריגע פאהנען — און מיין הארץ ווערד פול מיט גדלות. עס מאהלט זיך מיר אויס, אז איך וואכס און וואכס העכער און העכער, לענגער און ברייטער, די פיס טראגען מיך. עס גלוסט זיך מיר לאכען, שרייען, קוויטשען, האפען א טענצעל...**

— אנו, ווייז נאר! — רופט זיך אן צו מיר יואליק דעם נגיד'ס און בלייבט שטעהן פערגאפט.

ער בעקוקט מיין פאהן. איך בעקוק זיין פאהן. "אויך מיר א פאהן! — טראכט איך מיר. — אויך מיר א שטעקעל! אויסגעבויגען, גלייך ווי א קאטשערע!" איך זעה, אז ער איז א געקאכטער. נאר איך מאך מיך ניט וויסענדיג און קוק כלומרשט אן א זייט.

— קאפעל! — מאכט ער צו מיר. — וואו האסט דו גענומען אזא שען שטעקעלע?

— הא? — זאג איך און דרעה מיך אוים צו איהם מיט'ן פנים.

— וואו האסט דו דערטאפט — זאגט ער נאך א מאל — אזא טשאקענדיג שטעקעלע?

— וואס איז דען? — זאג איך צו איהם. — ווילסט איך אפשר ביימען אויף דיין צוויאק?...

יואליק פערשטעהט דעם שטאך. ער טהוט א גלאנץ מיט די אוינלעך, א סמארע מיט דער נאז, לעגט־אריין די האנד אין קעשענע און טרעט־אפ. איך קוק איהם נאך און קוועל. עס קומט מיר צו א שטיק געזונד. איך זעה, ווי ער רופט־אפ נחמיה'ן מיט'ן קרומען פיסעל אויף א זייט און סוד'עט זיך מיט איהם און ווינקט **אויף מיר מיט די אויגען. איך זעה גאנץ גוט, נאר איך מאך מיך** ניט וויסענדיג. אין א מינוט ארום געהט־צו צו מיר נחמיה מיט'ן

קרומען פיסעל, האלט יואליק'ס פאהן מיט'ן קרומען שטעקעל און רופט זיך אן צו מיר:

— גיב מיר אנצינדען דאס ליכטעל; מיינס האט זיך פארלאשען.

— ז'איז דען דיין פאהן? — **זאג איך צו איהם און בויג איהם אן מיין פאהן מיט'ן ליכטעל. — איך וויים דאך וועמענ'ס פאהן דאס א ו...**

און איידער איך קוק מיך ארום, טראגט־צו נחמיה זיין אנגעצונדען ליכטעל צו מיין פאהן און מאכט בורא מאורי האש. **מיין פאהן צינדט זיך אן, טהוט א פלאקער, פ־פ־פו — אוים פאהן!**

. . . .

ווען עס פאלט־אראפ פונ'ם הימעל א שטיין גלייך מיר אין קאפ אריין, ווען א ווילדע חיה פאלט־אן אויף מיר און וויל מיך פערצוקען, אדער ווען עס קומט מיר אקעגען א מת אים האלבע נאכט אין ווייסע תכריכים און וויל מיך ווארגען, — וואלט מיין שרעק נישט בעדארפט זיין אזוי גרוים, ווי בשעת איך האב דערזעהן מיין נאקעטען שטעקען מיט דער אפגעברענטער פאהן. עס האט זיך ארויסגעריסען ביי מיר פונ'ם הארצען אַ געשריי:

— אוי וועה, מיין פאהן! מיין פאהן!...

עס האבען זיך א גאס געטהאן טרערען פון מיינע אויגען. די גאנצע וועלט איז פאר מיר געווארען פינסטער. דאס שטעקעל מיט'ן עפעל מיט'ן ליכטעל זענען ארויסגעפאלען פון מיינע הענד,

וממרר בבכי. אני סופק כפי ומבכה את דגלי, כמו שמבכים מת. אני חוזר הביתה יחידי, בלי הדגל, ופורש לי לפינה, ופה, בחושך, יושב אני, ראשי בין ברכי, ובוכה חרש, שאיש לא יראה, איש לא ישמע, ומקשה קושייה לאלוהים:

— 'גוואלד'[8], 'גוואלד', ריבונו־של־עולם! למה זה מגיע לי? מה פשעי ומה חטאתי?

8) גוואלד (יידיש) — מלת זעקה, מעין "אבוי!".

תרגם (ועוד) ראובן אהרוני

און איך האב מיך געלאזט געהן, איך וויים אליין ניט וואוהין. איך נעה און גיס און גים מיט הייסע ביטערע טרערען. איך ברעך די הענד און בעוויין מיין פאהן, ווי מע בעוויינט א טוידטען. און איך קום צו געהן אהיים איינער אליין, אהן א פאהן, און איך פערקלויב מיך אין א ווינקעלע, און דא, אין דער פינסטער, זיץ איך, דעם

קאפ אראפ צווישען די קניהען, און וויין שטילערהייד, קיינער זאל ניט זעהן, קיינער זאל ניט הערען, און איך פרעג ביי גאט א קשיא:

— גוואלד, גוואלד, רבונו של עולם! פאר וואס קומט דאס מיר? פאר וואס און פאר ווען?!...

. . . .

דאס לעצטע קאפיטעל.

איהר ווייסט, קינדער, אלע מעשיות האבען א סוף און לאזען זיך אויס אדער פרייליך, אדער טרויעריג.

אידישע מעשיות לאזען זיך אויס, צום מיינסטען, טרויעריג. פארהאן ביי אונז א ווערטעל, אז א איד, ובפרט איין ארעמאן, טאר קיין הנאה ניט האבען. ס'איז א סך ווענען דעם צו רעדען; אז איהר וועט אונטערוואכסען, וועט איהר געוואהר ווערען... דערווייל בעדארף איך אייך זאגען, אז די מעשה מיט מיין פאהן האט זיך נאך ניט אויסגעלאזט דערמיט, וואס איך האב אייך דא דערצעהלט. איך האב נאך גוט, גוט צונעקרענקט, געלעגען אין א העליש פייער, געזעהן פאר זיך משונה־מארנע זאכען, שלאנגען און עקדישען מיט פייערדיגע צונגען און ווילדע חיות אינ'ם געשטאלט פון מענשען... איך האב געהערט משונה־מארנע קולות פון קעץ און פון פיפער־נאטערס. איך האב זיך געווארפען, גערעדט פון היץ, געוועז פאר־ביי. מע האט נישט געהאלטען פון מיין לעבען. אין אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב'ישער קלויז האט מען שוין אפילו אפגעזאגט תהלים אויך. איך בין געוועז העכער האלב אויף יענער וועלט.

נאר אזוי ווי ס'איז היינט ערב יום־טוב, און יום־טוב, בפרט שמחת־תורה, בעדארף מען זיין פרייליך, וויל איך אויסלאזען די מעשה מיט מיין פאהן אויך פרייליך.

ערשטענס, זעהט איהר, אז איך בין מיט גאט'ס הילף ניט געשטארבען.

צווייטענס, זייט וויסען, אז אויפ'ן אנדערען יאהר האב איך געהאט א פאהן נאך א שענערע, מיט א שענערען שטעקעל, מיט א שענערען עפעל, און בין דוקא געוועז אין שוהל גאנץ אויבען־אן, אויף דער מזרח־באנק, מיט אלע בעלי־בתישע קינדער. די ליכט האבען געברענט. מיין פאהן האט געשיינט. אידען זענען געגאנגען מיט די הקפות. רב מלך דער חזן מיט'ן צעלאזטען טלית איז גע־גאנגען אויף צו־פריהער, ווי א גענעראל־פעלדמארשאל. ער האט זיך געציקעלט און געזונגען אויף זיין בלעכענער שטימע: „ע ו ־ ז ר ד ־ ־ ־ ל י ם , ה ו ש י ע ה נ א !“ ווייבלעך און מיידלעך אהן א שיעור האבען געקושט די תורות, געשפרונגען אין פנים אריין און געשריגען מיט א קוויטש: „דערלעבט איבער א יאהר! דער־לעבט איבער א יאהר!“ — „גם אתם! גם אתם!“

קינדער, ג ם א ת ם !...

(8)

35